בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

## פאר'ן שבת טיש

פרשת לך לך

י"ג מר-חשון שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 2, גליון 3
(18)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת הַאֲזִינוּ, שַׁבָּת שׁוּבָה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט אוּן גֶעעֶנְדִיגְט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

וִוי דִי שֵׁדִים זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין מַחֲמַת דֶעם עִיגוּל וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גִיוֶוען. הָאט עֶר גִישִׁיקְט אַנֶדערֶע שְׁלוּחִים. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס כַּעַס אַרַיין אוּן אִיז אַלֵיין גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי. הָאט עֶר גִיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן אַז עֶר זָאל אִים לָאזִין אַרַיין גֵיין צוּ זֵיי. הָאט אִים דֶער זָקֵן גִיזָאגְט. וַוייל דוּ בֶּעטְסְט מִיךְ. וֶועל אִיךְ דִיךְ יוֹא אַרַיין לָאזִין. לוּשְׁמִיר עֶס אִיז קֵיין שְׁטֵייגֶער נִיט אַז אַ מֶלֶךְ זָאל אַלֵין גֵיין. עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרַיין לָאזִין נָאךְ מִיט אֵיינֶעם. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶפִינְט אַ טִירְל. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט וִוידֶער פַארְשְׁלָאסִין דֶעם עִיגוּל. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט צוּם זָקֵן. וִוי קוּמְסְטוּ זִיךְ זֶעצִין אוֹיף מַיין אָרְט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט. פַאר וָואס אִיז דָאס דַיין אָרְט. עֶס אִיז מַיין אָרְט. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ צוּם זָקֵן. דוּ הָאסְט פַאר מִיר קֵיין מוֹרָא נִיט. זָאגְט עֶר: נֵיין. זָאגְט עֶר וִוידֶער דוּ הָאסְט קֵיין מוֹרָא נִיט. אוּן הָאט זִיךְ אוֹיס גִיצוֹיגְן אוּן אִיז גִיוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס בִּיז אִין הִימְל. אוּן הָאט אִים גִיוָואלְט אַיין שְׁלִינְגֶען. זָאגְט דֶער זָקֵן. אִיךְ הָאבּ פָארְט קֵיין מוֹרָא גָאר נִיט פַאר דִיר. נָאר אַז אִיךְ וִויל. וֶועסְטוּ פַאר מִיר יוֹא מוֹרָא הָאבִּין. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל גִיוֶוען. אִיז גִיוָוארִין גְרוֹיסֶע וָואלְקִינְס. אוּן סֶע גִיוֶוען גְרוֹיסֶע דִינֶערְן. אוּן דֶער דִינֶער הַרְגִ'ט זֵיי זֵייעֶר אוֹיס. זֶענֶען גִיהַרְגֶעט גִיוָוארְן אַלֶע זַיינֶע שָׂרֵי מְלוּכָה וָואס זֶענֶען מִיט אִים גִיוֶוען אוּן סֶע מֶער נִיט גִיבְּלִיבְּן נָאר דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גִיוֶוען דָארְט אִין דֶעם עִיגוּל. הָאט עֶר אִים גִיבֶּעטְן (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן) אַז דֶער דוּנֶער זָאל אוֹיף הֶערִין. הָאט אוֹיף גִיהֶערְט.

הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ אָנְגִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם זָקֵן. אַז דוּ בִּיסְט יוֹא אַזוֹי אַיין מֶענְטְשׁ. וֶועל אִיךְ דִיר שֶׁענְקֶען. אֵיין סֵפֶר פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי שֵׁדִים.

<<<

## אַ וָוארְט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זַאכְן גֵייעֶן אִים פַארְקֶערְט אוּן עֶר וַוארְט לַאנְגֶע יָארְן אוֹיף קִינְדֶער; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית טו, ו): "וְהֶאֱמִן בַּה' וַיַּחְשְׁבֶהָ לוֹ צְדָקָה", עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט זַיינֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס, ח): "יָפָה שִׂיחָתָן שֶׁל עַבְדֵי אָבוֹת, מִתּוֹרָתָן שֶׁל בָּנִים", דִי תּוֹרָה אִיז מַאֲרִיךְ מִיט דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אוּן פוּן זֵייעֶרֶע קְנֶעכְט אַסַאךְ מֶער וִוי מִיט דִי הֲלָכוֹת וָואס מִיר דַארְפְן טוּן, וַוייל (תַּנְחוּמָא לֶךְ, ט; רַמְבַּ"ן בְּרֵאשִׁית יב, ו. ד"ה וַיַּעֲבֹר אַבְרָם בָּאָרֶץ): "מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים". וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי סֶדְרוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אוּן פוּן זֵייעֶרֶע עֲבָדִים לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָאס אִיז פַאר אוּנְז אַ וֶועג וַוייזֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; מִיר זֶעעֶן וִוי דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין קַשְׁיוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס דַארְפְן מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי יֶעצְטִיגֶע פָּרָשִׁיּוֹת, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער יֶעדֶע זַאךְ אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשע"ט)

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת פַּחַד, סִימָן ד): "סְגֻלָּה לְבַטֵּל אֶת הַפַּחַד, לִזְכֹּר אַבְרָהָם אָבִינוּ", אַ סְגוּלָה נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן, אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; לִכְאוֹרָה, וָואס הֶעלְפְט גֶעדֶענְקֶען פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן? נָאר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ כַּמָּה חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם", צֶען נִסְיוֹנוֹת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִיקִים (עַיֵין בְּסֵפֶר הַשְּׁלָ"ה פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, דֶרֶךְ חַיִּים תּוֹכַחַת מוּסָר, אוֹת מב) אַז דִי צֶען בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען פְּרָאבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת, אוּן ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גְלֵייבְּט וַוייטֶער אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; מִיט דֶעם מֶעסְט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד, וִויפִיל עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשע"ח)

וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדִין בַּעֲלֵי שֵׁמוֹת. וָואס זֵיי וֵוייסִין מֶער נִיט נָאר פוּן אֵיין מִשְׁפָּחָה. אוּן אֲפִילוּ דִי מִשְׁפָּחָה וֵוייסִין זֵיי אוֹיךְ נִיט אִין גַאנְצִין. אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין אֵיין סֵפֶר וָואס דְרִינֶען שְׁטֵייעֶן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת. וָוארִין בַּיי דֶעם מֶלֶךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע פַארְשְׁרִיבְּן. אוּן אֲפִילוּ וֶוער סֶע וֶוערְט גִיבּוֹירִין, וֶועט אוֹיךְ פַארְשְׁרִיבְּן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גִיוֶוען. נָאךְ דֶעם סֵפֶר (נִמְצָא הָאט עֶר זֵייעֶר רֶעכְט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט אִים אַרַיין גִילָאזְט נָאךְ מִיט אֵיינֶעם וָוארִין זוּסְט וֶועמֶען וָואלְט עֶר גִישִׁיקְט) הָאט עֶר אִים גִיבְּרַאכְט דָאס סֵפֶר. הָאט עֶר גִיעֶפִינְט דָאס סֵפֶר, הָאט עֶר גִיזֶעהְן עֶס שְׁטֵייט דְרִינֶען אֶלֶף אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ גִיזָאגְט דֶעם זָקֵן. אַז זֵיי זָאלִין קֵיין מָאל נִיט מַזִיק זַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן. אוּן הָאט גִיהֵייסִין בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַּאטְרֶעטִין פוּן זַיין גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה. אוּן אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט בַּיי זֵיי גִיבּוֹירִין וֶוערִין אֵיין קִינְד. זָאל מֶען תֵּיכֶף בְּרֶענְגֶען זַיין פַּאטְרֶעט כְּדֵי זֵיי זָאלִין נִיט מַזִיק זַיין קֵיינֶעם פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן.

מֶען זֶעט דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁד, נִישְׁט סְתַּם אַ שֵׁד נָאר דֶער קֶענִיג פוּן דִי שֵׁדִים, אוּן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן בִּיז צוּם הִימְל אוּן גֶעוָואלְט אַיינְשְׁלִינְגֶען דֶעם חָכָם, אָבֶער וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער חָכָם הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פַאר אִים הָאט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט, עֶר אִיז גֶעוָוארְן גוּט צוּ אִים אוּן הָאט אִים גֶעשָׁאנְקְן אַ טֵייעֶרֶע מַתָּנָה, דֶער סֵפֶר מִיט נֶעמֶען פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן שֵׁדִים; פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? אֵיין מִינוּט בֶּעפָאר וִוילְסְטוּ מִיר אַיינְשְׁלִינְגֶען, אֵיין מִינוּט בֶּעפָאר וִוילְסְטוּ מִיר הַרְגְ'עֶנֶען אוּן פְּלוּצְלִינְג בִּיסְטוּ מִיר גֶעוָוארְן מַיין גוּטֶער חַבֶר, דוּ שֶׁענְקְסְט מִיר אַ מַתָּנָה?

נָאר דָאס אִיז נָאךְ אַ וֶועג פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף עֶטְלִיכֶע וֶועגְן; קוֹדֶם הָאט עֶר אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען אוֹיף אֵיין וֶועג, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁלִינְג דִיךְ אַיין", דֶערְנָאךְ זֶעעֶנְדִיג אַז דֶער וֶועג אַרְבֶּעט נִישְׁט, דֶער חָכָם הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פַאר אִים, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ נֵייעֶ וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הַרְגְ'עֶנֶען, דוּרְכְ'ן גֶעבְּן דֶעם סֵפֶר אַלְס מַתָּנָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר: דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, קוֹדֶם קוּמְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ אוּן צֶעבְּרֶעכְט אִים אוֹיף שְׁטִיקֶער, עֶר זָאגְט אִים: "דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דַיין דַאוֶונֶען אִיז גָארְנִישְׁט, דַיין תְּפִילִין אִיז גָארְנִישְׁט, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין חֲשִׁיבוּת בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן", אָבֶער וֶוען עֶר זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן אִין רֶבִּי'ן, עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ: 'אִיךְ בִּין יָא, מַיין דַאוֶונֶען אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַיין תְּפִילִין אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס אִיז טוּ מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ אִין הִימְל', דַאן קוּמְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ מִיט אַ נֵייעֶ וֶועג וִוי אַזוֹי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז נָאךְ מֶער מְסוּכָּן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועג, עֶר זָאגְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ: "דוּ וֵוייסְט, דוּ בִּיסְט אַן אֶמֶת'עֶר צַדִיק, דוּ בִּיסְט שׁוֹין אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, דִי קֶענְסְט זִיךְ שׁוֹין בַּאנִיצְן מִיט שֵׁמוֹת וְכוּ' וְכוּ'", אוּן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זָאגְן צוּם יֵצֶר הָרָע: "דוּ זָאלְסְט מִיר גָארְנִישְׁט זָאגְן, נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין 'גָארְנִישְׁט' וֶוערְד אוּן נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין 'יָא' וֶוערְד; מֶען דַארְף הַאלְטְן קָאפּ וִוי אַזוֹי מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ קָאמְפְּלִיצִירְטֶע מִלְחָמָה, פוּן אֵיין זַייט דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶרְ'ן: 'אִיךְ בִּין יָא וֶוערְד', 'מַיין דַאוֶונֶען אִיז וֶוערְד', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ אִים', אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקְן וָואס מֶען הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן אוּן וָואס מֶען טוּט נָאךְ יֶעצְט, מִיר הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ אוֹיף וָואס תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אִין דֶעם, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר שְׁטֶענְדִיג: "אֵיינְמָאל זָאגְט מֶען אַ דְרָשָׁה אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת, אוּן אַן אַנְדֶערֶע מָאל זָאגְט מֶען אַ דְרָשָׁה אַז מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקְן וֶוער מִיר זֶענֶען, וָואס מִיר הָאבְּן אַלְץ אָפְּגֶעטוּן אִין לֶעבְּן"; זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דֶער עֶנְטְפֶער דֶערוֹיף אִיז: אַלֶעמָאל דַארְף מֶען גֵיין פַארְקֶערְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; אוֹיבּ דֶער יֵצֶר הָרָע וִויל מִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, מִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין: "דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס", דֶעמָאלְט זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת, אִיךְ וֵוייס טַאקֶע וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ אָפְּגֶעטוּן דָאךְ גֵיי אִיךְ מִיט 'צִיצִית', אִיךְ הָאבּ אַ 'בָּארְד', אִיךְ הָאבּ 'פֵּיאוֹת', אִיךְ עֶס 'כָּשֶׁרְ'ס', אִיךְ הִיט 'שַׁבָּת', אִיךְ לֵייג 'תְּפִילִין' וְכַדוֹמֶה, אִיךְ בִּין אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת", קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע מִיט אַ צְוֵוייטֶע וֶועג, מִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן: "דוּ וֵוייסְט, דוּ בִּיסְט אַזַא חָשׁוּבְ'עֶר אִינְגֶערְמַאן, דוּ בִּיסְט אַזַא עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ בִּיסְט אַזַא צַדִיק וְכוּ'", יֶעצְט זָאג

אִיךְ אִים: "אִיךְ וֵויִיס גוּט גוּט מַיין מַצָּב, אִיךְ וֵויִיס גוּט גוּט וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ דַארְף נָאךְ אַ סַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן", דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַז דוּרְכְדֶעם וֶועל אִיךְ אַרַיין פַאלְן אִין אַ יִאוּשׁ אוּן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, נָאר אִיךְ קוּק: 'וֶוער זָאגְט מִיר דָאס: "דוּ בִּיסְט אַ צַדִּיק"?' - דֶער יֵצֶר הָרָע, דַארְף אִיךְ זִיךְ אַרוּם שְׁפִּילְן מִיט אִים אוּן זָאגְן: "אִיךְ דַארְף נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן".

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי דָא, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען מִיט דִי שְׁפִּיצְלֶעךְ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אוּנְז אוּנְטֶער; אַמָאל פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְ'ן צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים אַרַיין בְּרֶענְגֶען מַחֲשָׁבוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט וְכוּ', אוּן אַמָאל פְּרוּבִּירְט עֶר אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְכְ'ן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִים אַרַיין בְּרֶענְגֶען מַחֲשָׁבוֹת אַז דוּ בִּיסְט דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק וְכוּ'.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אִין אֱמֶתְ'ן אִיז דֶער פְרוּמֶער יֵצֶר הָרָע וָואס קוּמְט בְּאִיצְטְלוּתָא דְרַבָּנָן, עֶר רִימְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִיבֶּער זַיין גְרוֹיס חֲשִׁיבוּת וְכוּ', נָאךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער וִוי דֶער אַנְדֶערֶער יֵצֶר הָרָע וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט אִין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק (סִימָן רלט): אִין דִי צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵוייִלְט אִין חֵיפָה, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ יוּנְגֶער אַרַאבֶּער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבְּן רֶבִּי'ן אוּן גֶערֶעדְט צוּ אִים אַסַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס יֶענֶער רֶעדְט. דָאס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֵּר'ט בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, דֶער אַרַאבֶּער אִיז כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט. אֵיין מָאל אִיז דֶער אַרַאבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען מִיט גֶעוֶוער מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כַּעַס, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְפִירְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען דָארְט אַ פְרוֹי פוּן וָואלִיחֵיי וָואס הָאט יָא פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן גְלַייךְ וֶוען דֶער אַרַאבֶּער אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען הָאט זִי גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן: "אִיר זָאלְט לְמַעַן הַשֵּׁם שׁוֹין אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם הוֹיז, וַוייל דֶער אַרַאבֶּער הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל דֶער רֶבִּי זָאל אַרוֹיסְגֵיין אִין אַ מִלְחָמָה מִיט אִים". דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע אַנְטְלָאפְן צוּם הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין חֵיפָה, אוּן עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַן הוּנְטֶערְשְׁטְן צִימֶער. דֶערְנָאךְ אִיז דֶער אַרַאבֶּער נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי אַכְסַנְיָא פוּן רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט, "וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ? עֶר דַארְף וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ וֶועל אִים גֶעבְּן אֵייזְלֶען אוּן אוֹיךְ מַיין פֶערְד, אַז עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין מִיט דִי שַׁיָּרָה קַיין טְבֶרְיָה, פוּן יֶעצְט דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט מֶער מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן דֶער אַרַאבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט, עֶר אִיז נָאר גֶעזֶעסְן שְׁטִיל אוּן גֶעלַאכְט דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ דֶער אַרַאבֶּער זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן. דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אַרַאבֶּער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע אוּן פַארְהוֹילְן.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מֶער יִסּוּרִים פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן דֶעם אַרַאבֶּער, וִוי פוּן זַיין פַיינְטְשַׁאפְט אוּן כַּעַס". לוֹיט וִוי מְ'הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן דֶעם אַרַאבֶּער, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם אַלֵיין וָואס הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁטֶעלְט, דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דָאס אַז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין זַיינֶע גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דִי זַאךְ פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי דָארְט זוֹכֶה גֶעוֶוען, דֶערְפַאר הָאט זִיךְ דֶער סַמַ"ךְ מֵ"ם פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם סִיפּוּר אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט מֶער יִסּוּרִים פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם סַמַ"ךְ מֵ"ם, דֶער יֵצֶר הָרָע, וִוי פוּן זַיין פַיינְטְשַׁאפְט אוּן כַּעַס.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: הַיינְט אִיז גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶ זַאךְ, אֵיינֶער וָואס טֵיילְט צְדָקָה מַאכְט מֶען שׁוֹין פוּן אִים 'וֶוער וֵויסְט וָואס', עֶר וֶוערְט שׁוֹין אַ 'לַמֶ"ד וָא"ו צַדִּיק'; אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר אִידְן וֶוערְט שׁוֹין מַמָּשׁ 'דֶער ר' יְשַׁעְיָ'לֶע מִקֶערֶעסְטִיר שֶׁבְּדוֹרֵנוּ'; אֵיינֶער וָואס אִיז מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִידְן וֶוערְט שׁוֹין מַמָּשׁ 'דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'עֶר שֶׁבְּדוֹרֵנוּ', - אַ מִינוּט, אַ מִינוּט, בַּארוּאִיג זִיךְ! אַלֶעס אִיז טַאקֶע פֵיין אוּן וואוֹיל, דֶער אִיד גֶעבְּט צְדָקָה, דֶער אִיד גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר אִידְן, דֶער אִיד אִיז מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, דָאךְ דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן עֶר וֶוערְט יֶעצְט נָאכְנִישְׁט דֶערְפַאר 'דֶער ר' יְשַׁעְיָ'לֶע מִקֶערֶעסְטִיר שֶׁבְּדוֹרֵנוּ' אָדֶער 'דֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ'עֶר שֶׁבְּדוֹרֵנוּ', מִיר דַארְפְן נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן מִיר זָאלְן זַיין פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי (מַסֶּכֶת

שְׁקָלִים פֶּרֶק ה', הֲלָכָה א'): "אִין הֲוֹון קַדְמָאִין מַלְאָכִין", אוֹיב קוּקְסְטוּ אָן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת ווי מַלְאָכִים, "אֲנַן בְּנֵי אֱנָשׁ", קֶען מֶען אוּנְז אָנְקוּקְן ווי מֶענְטְשְׁן, "וְאִין הֲוֹון בְּנֵי אֱנָשׁ", אָבֶּער אוֹיב קוּקְסְטוּ אָן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת ווי מֶענְטְשְׁן, "אֲנַן חֲמָרִין", זֶענֶען מִיר ווי אֵייזְלֶען, "אָמַר רַבִּי מָנָא בְּהַהִיא שַׁעְתָּא אָמְרִין אֲפִילוּ כַּחֲמָרְתֵיהּ דְרַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר לָא אִידְמִינוּן", אָבֶּער מֶען קֶען אוּנְז אֲפִילוּ נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ דִי אֵייזְלֶען פוּן רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר, נָאר ווי סְתָּם אֵייזְלֶען. מִיר דַארְפְן גוּט גוּט גֶעדֶענְקֶען, מִיר הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ צוּ אַרְבֶּעטְן, מִיר הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן צוּ זַיין לְכָל הַפָּחוֹת אַ פָּשׁוּט'ער אִיד.

דֶערְפַאר זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב) וָואס אִיז דֶער סִימָן צִי מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ער צַדִּיק? אוֹיב ווען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק פַאלְט אוֹיף'ן מֶענְטְשׁ אַ בּוּשָׁה אוּן שִׁפְלוּת; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַ 'מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ' (אָבוֹת פֶּרֶק ו, מִשְׁנָה ו), אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֶץ אָפְּגֶעטוּן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיב דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט מִיר אַוֶּועק נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט מִיר: "קוּק וואו ווַייט דוּ בִּיסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶעמָאלְט זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין 'צִיצִית', אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט מַיין 'בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת', אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ 'הִיט שַׁבָּת', אִיךְ בִּין פוּל מִיט גוּטְס, דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט זָאגְן צִי אִיךְ בִּין גוּט אָדֶער נִישְׁט".

מִיט דֶעם טַייטְשְׁן צַדִּיקִים דֶעם פָּסוּק וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר לוֹט (בְּרֵאשִׁית יג, ט): "הִפָּרֶד נָא מֵעָלָי אִם הַשְּׂמֹאל וְאֵימִנָה וְאִם הַיָּמִין וְאַשְׂמְאִילָה", שֵׁייד דִיךְ אָפּ פוּן מִיר, אוֹיב דוּ ווילְסְט גֵיין אוֹיף דֶעם לִינְקֶען זַייט דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, אוּן אוֹיב דוּ ווילְסְט גֵיין אוֹיף דֶעם רֶעכְטְן זַייט דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט; אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג גֵיין דִי פַארְקֶערְטֶע רִיכְטוּנְג פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, ווען דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף לִינְקְס, עֶר צֶעבְּרֶעכְט מִיר, זָאגֶענְדִיג: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, פוּן דִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט ווערְן, דוּ בִּיסְט אַזוֹי ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'", דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף רֶעכְטְס, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווידֶערְאוּם ווען דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֶעכְטְס, עֶר רִימְט מִיר אוּן הֵייבְּט מִיר אוֹיף, זָאגֶענְדִיג: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין אוֹיף אַ גָאר הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, דוּ קֶענְסְט זִיךְ שׁוֹין בַּאנִיצְן מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן, מִיט הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ וְכוּ'", דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ גֵיין אוֹיף לִינְקְס, אִיךְ ווֵייס פוּנְקְטְלִיךְ וואו ווַייט אִיךְ בִּין נָאךְ פוּן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ גֶעדֶענְק גוּט וָואס אִיךְ דַארְף פַארְרֶעכְטְן.

דָאס הָאט דֶער קֶענִיג פוּן דִי שֵׁדִים גֶעוָואלְט טוּן דוּרְכְ'ן גֶעבְּן דֶעם סֵפֶר, עֶר אִיז נִישְׁט פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארְן גוּט מִיט'ן חָכָם, נָאר עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַ נֵייעֶר וֶועג ווי אַזוֹי אִים אַוֶּועק צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט הֶעכֶערֶע זַאכְן, מִיט מוֹפְתִים, מִיט אַ הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ וְכוּ'.

דֶערְנָאךְ אַז סֶע גִיקוּמֶען דִי צַייט פוּן דֶעם זָקֵן אַז עֶר זָאל אַוֶּועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר גִירוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן הָאט זֵיי צַוָּואָה גִילָאזְט. אוּן הָאט צוּ זֵיי אַזוֹי גִיזָאגְט. אִיךְ לָאז אַייךְ אִיבֶּער דָאס סֵפֶר. אוּן אִיר זֶעט דוֹךְ אַז אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּ נִיצְן מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדוּשָּׁה. אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט נִיץ אִיךְ דֶערְמִיט נִיט. נָאר אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. זָאלְט אִיר אוֹיךְ דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט זִיךְ גִיפִינֶען אֵיינֶער פוּן אַייךְ. וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָּׁה. זָאל עֶר פָּארְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. נָאר עֶר זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

דָאס הָאבְּן מִיר אַלֶע יָארְן גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶעס גֶעוואוּסְט אוּן אַלֶעס גֶעזֶען, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ פוּן אִים, אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַלֶץ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן", דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַלֶץ גֶע'חַזֶר'ט: "גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", מוֹהֲרָא"שׁ וָואלְט גֶעקֶענְט טוּן אַנְדֶערְשׁ, מוֹהֲרָא"שׁ וָואלְט גֶעקֶענְט מַאכְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט דֶעם הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ נָאר אַלֶעמָאל גֶערֶעדְט פָּשׁוּט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן".

וֶוען אֵיינֶער אִיז אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אִיבֶּער 'חוֹבוֹת', פְלֶעגְט עֶר אַלֶץ אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס מִיטְל, זָאגֶענְדִיג: "גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן", מוֹהֲרָא"שׁ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט מַאכְן אַ מוֹפֵת עֶס זָאל וֶוערְן גֶעלְט, דָאךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶערֶעדְט קֵיין הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ פוּן מוֹפְתִים, נָאר אַלֶץ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת, פְלֶעגְט עֶר אַלֶץ חַזֶר'ן צוּ דִי תַּלְמִידִים אַז מִיט 'תְּפִלָּה' וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן דִי חוֹבוֹת.

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, יֶעדֶע מָאל מַמָּשׁ וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּ דֶעם שְׁטִיקְל וִויל זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעבְּן אַ קוּשׁ דֶעם אֲשֶׁר בְּנַחַל...: "עֶס אִיז אַ נֵס פוּן הִימְל אַז קֵיינֶער וִויל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט פַאר 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', וַוייל אַזוֹי הָאבְּן מִיר נָאר אֵיין עֵצָה: 'אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן', מִיר קֶענֶען זִיךְ אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ וָואס מֵיינְט נָאךְ אַז עֶר הָאט אֵיינֶעם: "אִיךְ הָאבּ אַ נָאנְטֶער חַבֶר, אִיךְ הָאבּ אַ נָאנְטֶער קָרוֹב, דֶער וֶועט מִיךְ זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין: 'יֶענֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה פָארֶעט זִיךְ פַאר מִיר...' אוּן צוּם סוֹף וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אַנְטוֹישְׁט וֶוען עֶר זֶעט אַיין אַז קֵיינֶער הֶעלְפְט אִים נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן.

דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶער וָואס וֵייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיךְ דַארְף גֵיי אִיךְ נָאר צוּ אִים'.

דֶערְפַאר הָאט דֶער חָכָם גֶעלָאזְט אַ צַוָואָה פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם סֵפֶר פוּן שֵׁמוֹת, מַאכְן מוֹפְתִים, נָאר זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּמְגֵיין נָאר מִיט דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבִּין. אוּן דָאס סֵפֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּירוּשָׁה, אוּן עֶס אִיז אָן גִיקוּמֶען צוּ זַיין אֵיינִיקִיל. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט כֹּחַ צוּ נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. נָאר עֶר הָאט גִיהַאט אֱמוּנָה אִין הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר הָאט דֶערְמִיט נִיט גִינוּצְט. אַזוֹי וִוי דֶער זָקֵן הָאט צַוָואָה גִילָאזְט. אוּן דִי מְדַבְּרִים (דְהַיְינוּ דִי וָואס זֵיי רֵיידִין אָן) וָואס עֶס אִיז פַאר הַאנְדְן צְווִישְׁן דִי שֵׁדִים. הָאבְּן אָן גִירֶעט דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם זָקֵן. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט טֶעכְטֶער גְרוֹיסֶע. אוּן דוּ פַארְמָאגְסְט נִיט זֵיי מְפַרְנֵס צוּ זַיין אוּן זֵיי חַתוּנָה מַאכִין. עַל כֵּן פָּארִי דִיךְ מִיט דֶעם סֵפֶר. אוּן עֶר הָאט נִיט גִוואוּסְט אַ זֵיי רֵיידִין אִים דָאס אָן. אוּן עֶר הָאט גִימֵיינְט. אַז זַיין הַארְץ רֶעט אִים דָאס אָן. אִיז עֶר גִיפָארִין צוּ זַיין זֵיידִין אוֹיף זַיין קֶבֶר. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט גִילָאזְט צַוָואָה אַז מֶען זָאל נִיט נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר. נָאר מִיר זָאלִין אֱמוּנָה הָאבִּין אִין הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ. הַיינְט. רֶעט מִיךְ אָן דָאס הַארְץ. אִיךְ זָאל דֶערְמִיט נוּצִין. הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט זַיין זֵיידֶע (וָואס עֶר אִיז גִישְׁטָארְבְּן) כָאטְשֶׁע דוּ קָאנְסְט נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. אִיז בֶּעסֶער אַ דוּ זָאלְסְט הָאבִּין אֱמוּנָה אִין הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ אוּן זָאלְסְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין אוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט דִיר הֶעלְפִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן.

דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מַתָּנָה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן: "יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ - גֵיי אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְרֶעג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'בַּאשֶׁעפֶער, זָאל אִיךְ אַזוֹי טוּן אָדֶער אַזוֹי טוּן?'"

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט סְפֵיקוֹת: "וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ טוּן, אַזוֹי צִי אַזוֹי?" דֶער מֶענְטְשׁ פִילְט וִוי עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, יֶעדֶע מִינוּט קוּמְט אִים אַרוֹיף אִין גֶעדַאנְק אַן אַנְדֶערֶע מֵיינוּנְג, עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט, פוּן וואוּ זָאל אִיךְ וִויסְן צִי דֶער גֶעדַאנְק אִיז דֶער רָצוֹן הַשֵׁם אָדֶער קוּמְט עֶס גָאר פוּן דִי שֵׁדִים וָואס זֵיי רֶעדְן מִיר דָאס צוּ - דֶערְפַאר לֶערְנְט עֶר רֶבִּי אוּנְז אוֹיס אַזַא גְרִינְגֶע אוּן זִיסֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי סְפֵיקוֹת: "גֵיי צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק אוּן שְׁמוּעֶס דָארְט אוֹיס דַיינֶע סְפֵיקוֹת, פְרֶעג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע בֵּיישְׁפִּילְן דֶערוֹיף: צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁידוּךְ, אָדֶער מֶען טְרָאגְט מִיר אָן צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז, אַ קַאר וְכַדוֹמֶה, פוּן וואוּ זָאל אִיךְ טַאקֶע וִויסְן צִי דָאס לוֹינְט זִיךְ אָדֶער נִישְׁט? אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ אַרַיין פַאלְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעשֶׁעפְט?; אָדֶער אֵיינֶער רוּפְט מִיר אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, זָאל אִיךְ יָא גֵיין אָדֶער נִישְׁט גֵיין? פוּן אֵיין זַייט זֶעט דָאס אוֹיס וִוי אַ גוּטֶע זַאךְ אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ נִישְׁט זִיכֶער בַּיי זִיךְ צִי אִיךְ זָאל עֶס טוּן, צִי עֶס לוֹינְט זִיךְ וְכוּ', אַזוֹי אִיז עֶס מִיט יֶעדֶע זַאךְ, פוּן וואוּ זָאל אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן צִי עֶר טוּט דָאס רִיכְטִיגֶע? - אָבֶּער דִי עֵצָה דֶערוֹיף אִיז צוּ פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁידוּךְ, מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ גֶעשֶׁעפְט, עֶס קוּקְט אוֹיס צוּ זַיין אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, עֶס קוּקְט אוֹיס צוּ זַיין אַ גוּטֶע גֶעשֶׁעפְט, זָאל אִיךְ עֶס יָא טוּן, אָדֶער נִישְׁט טוּן?"; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת אַלֶע צְדָדִים פוּן דֶעם סָפֵק, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט דִי סְפֵיקוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן

(תַּעֲנִית כד:): פְּלִימוֹ הָאט גֶעזָאגְט: "אֲנִי רָאִיתִי אוֹתוֹ הַבַּיִת וְהָיוּ קוֹרוֹתָיו יוֹצְאוֹת אַמָּה לְכַאן וְאַמָּה לְכַאן", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם הוֹיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִילָה - וֶוען אַ פְּרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים וֵויינֶען זִי הָאט גֶעבּוֹיט אַ הוֹיז אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ וַוייל דִי הֶעלְצֶער זֶענֶען קוּרְץ גֶעשְׁנִיטְן, עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אוֹיף דִי לֶענְג פוּנֶעם הוֹיז, הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, "וְאָמְרוּ לִי 'בַּיִת זֶה שֶׁקִּירָה רַבִּי חֲנִינָה בֶּן דּוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ'", דִי הֶעלְצֶער הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דֶער שְׁטוּבּ הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִילָה"; אִיךְ בּוֹי אַ הוֹיז, אִיךְ קוֹיף אַ הוֹיז וְכַדוֹמֶה, אִיז אַלֶעס אֵיין שְׁטִיק 'תְּפִלָּה', יֶעדֶע זַאךְ פְּרֶעג אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זָאל אִיךְ אַזוֹי טוּן אָדֶער אַזוֹי טוּן?" וֶועט דָאס אוֹיךְ זַיין אַ 'בֵּית שְׁקִירָה בִּתְפִלָּה', אַ הוֹיז וָואס עֶר הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִלָּה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶערֶע שְׁטִיק צַייט, וָואס נָאר דוּרְךְ דֶעם עֵצָה פוּן פְּרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּן דִי הֵיי יֶערִיגֶע אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גֶעוֶוען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע סְפֵיקוֹת פוּן אַלֶע זַייטְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט צִי אִיךְ זָאל יָא פָּארְן קַיין אוּמַאן אָדֶער נִישְׁט פָּארְן, הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', גֶעפְּרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאל אִיךְ פָּארְן קַיין אוּמַאן אָדֶער נִישְׁט פָּארְן?" אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וַוייז מִיר וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר נָאר אִיךְ זִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טוּן דָאס רִיכְטִיגֶע", בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעפִירְט אַז אִיךְ זָאל פָּארְן.

דִי זֶעלְבֶּע וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען פַאר דִי תַּלְמִידִים צוּ קוּמֶען, מֶען הָאט נִישְׁט אַריינְגֶעלָאזְט בַּיים גְרֶענִיץ וְכוּ', בִּין אִיךְ אוֹיךְ מְסוּפָּק צִי אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער זָאל אִיךְ צוּרִיק קוּמֶען, הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּ אִיךְ דָא, זָאג מִיר וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ יָא דָא בְּלַייבְּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער נִישְׁט דָא בְּלַייבְּן", אוּן עֶס אִיז מִיר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה: 'פָּאר צוּרִיק', בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן אוּן גֶעוֵויינְט: "אֶפְשָׁר רֶעדְן מִיר דִי שֵׁדִים דָאס צוּ אַז אִיךְ זָאל צוּרִיק פָּארְן, מַיין הַארְץ ווַייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן", דֶערְנָאךְ אִיז מִיר נָאכְאַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה: 'פָּאר צוּרִיק', אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין מַחְשָׁבָה אַז אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: יֶענֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה וָואס דִי גַאנְצֶע פְּלַאן פוּן פָּארְן קַיין אוּמַאן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי גְרֶענִיץ אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַארְשְׁלָאסְן, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעמִישְׁט נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג וָואס צוּ טוּן, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּרֶעגְנְדִיג וָואס צוּ טוּן. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט: "וֶוען עֶס וָואלְט דָארְט גֶעוֶוען אַ קֶעמֶערֶע (בִּילְדֶער כַאפֶּער), וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וִוי אִיךְ בִּין אַרַיין אִין בֶּעט אוּן אַרוֹיס פוּן בֶּעט, אַהִין אוּן צוּרִיק בְּמֶשֶׁךְ פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אוֹיסְשְׁמוּעסְנְדִיג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן צַייט וָואס צוּ טוּן, בִּיז עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן מֶען פָּארְט צוּרִיק.

זַייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן קִיֶעוו צוּרִיק צוּם עֶירְפָּארְט, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאשְׁלָאסְן דוּרְךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת אַז אִיךְ וֶועל זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין שְׁטֶעטְל, רוּפְט מֶען מִיר נָאכְאַמָאל: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, יֶעצְט הָאט זִיךְ גֶעעֶפֶענְט אַ זִיכֶערֶע וֶועג וָואס אַלֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן קֶענֶען אַרַיין קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן", - הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פָּארְט מֶען צוּרִיק!" אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם בִּלְבּוּלִים, אֶפְשָׁר דִי אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מִיט גֶעפָּארְן מִיט מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען בִּלְבּוּלִים דֶערְפוּן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דִי זַאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען קְלָאר, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעהַאט אִיבֶּער גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעצְט אִיז נִישְׁט שַׁייךְ קַיין בִּלְבּוּלִים אוּן קַיין קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶעמָאלְט ווֶוערְט מֶען שְׁפֶּעטֶער נִישְׁט מְבוּלְבָּל: 'הָאבּ אִיךְ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט?!' וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ עֶס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס דֶען זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ כַאפְּן אַ נֶערְווִין בְּרָאךְ, לֹא עָלֵינוּ, פוּן דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים?! אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע צְדָדִים פוּנֶעם

סָפֵק, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוגֶעפִּירְט צו טון אַזוֹי - מֶער פון דֶעם דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, אִיךְ הָאבּ גֶעטון דָאס רִיכְטִיגֶע, אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס הָאבְּן מִיר בַּאקומֶען פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צו בֶּעטְן, דורְךְ פְּרֶעגְן פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע סָפֵק וָואס מֶען הָאט; אִיךְ פְּרֶעג אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאג מִיר וָואס צו טון, אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ?" דֶערְנָאךְ קומְט אַרַיין אִין קָאפּ: 'טו אַזוֹי' - וֵוייס אִיךְ שׁוֹין וִוי אַזוֹי זִיךְ צו פִּירְן.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: דִי זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען לְגַבֵּי בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל 'קִרְיַת בְּרֶסְלֶב', פון וואו הָאבּ אִיךְ גֶעווּאוּסְט צִי מֶען זָאל מַאכְן דֶעם שְׁטֶעטְל אָדֶער נִישְׁט? אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט כַאפְּן אַ נֶערְוְון בְּרָאךְ, לֹא עָלֵינוּ, פון דִי פִּילֶע סְפֵיקוֹת אִיבֶּער דֶעם, הַיינְט זִיצְן מִיר שׁוֹין דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דֶער שְׁטֶעטְל אִיז שׁוֹין אַ פַּאקְט, עֶס וואוֹינֶען שׁוֹין הַיינְט דָא כִּמְעַט פופְצִיג מִשְׁפָּחוֹת, און נָאךְ אַבִּיסְל אִיז עֶס שׁוֹין אויס 'שְׁטֶעטְל' נָאר אַ 'שְׁטָאט'...; אָבֶּער אִין אָנְהֵייבּ בֶּעפָאר מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ, וִויאַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט זָאגְן פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן אַז עֶר זָאל אָפְּקוֹיפְן שְׁטָחִים פַאר שְׁוֶוערֶע הונְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ דָּבָר שֶׁלֹּא בָּא לְעוֹלָם, וֶוער וֵוייסְט צִי עֶס וֶועט זִיךְ בִּכְלַל אויסְאַרְבֶּעטְן? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוט מֶען אִין אַזַא פַאל?; הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ הָאבּ שְׁפַּאצִירְט אויף דִי גַאסְן פון שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט פון דִי אַלֶע תְּפִילוֹת און הִתְבּוֹדְדוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאג מִיר, מִיר זָאלְן מַאכְן אַ שְׁטֶעטְל אָדֶער נִישְׁט?" אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן קַיין נֶעכְט פון דִי פִּילֶע סְפֵיקוֹת אִיבֶּער דֶעם, אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ עֶס אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צִי אִיךְ זָאל עֶס טון, אָן אַ שִׁיעוּר מָאל גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אויף דֶעם, בִּין אִיךְ רוּאִיג און זִיכֶער מִיט זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ צו טון.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער: יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אומַאן זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דָארְט גֶעזִיצְן עֶטְלִיכֶע וָואכְן, זָאגְט מִיר אֵיינֶער: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן דֶעם פְּלַאץ וואו אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען פַאר צְוֵויי יָאר צורִיק אום רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פון דֶעם שְׁטֶעטְל, און יֶענֶער חַבֵר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "הֶער מִיךְ גוט אויס דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן..." - אַזוֹי הָאט עֶס אויסְגֶעקוּקְט אִין אָנְהֵייבּ.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: בַּיים עֶפֶענֶען דִי בְּרֶסְלֶב'ֶע חֵדֶר דָארְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל עֶס עֶפֶענֶען אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט מִיר קְלָאר גֶעזָאגְט: "עֶפְן אַ חֵדֶר" - וֵוייס אִיךְ שׁוֹין וָואס צו טון, דֶער צַדִּיק הָאט מִיר גֶעזָאגְט וָואס צו טון, אַזוֹי אויךְ דִי סְקוּל הָאט מִיר מוֹהֲרָ"אשׁ גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל עֶס עֶפֶענֶען, וֶוען אַ צַדִּיק זָאגְט עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צו הָאבְּן סְפֵיקוֹת, אָבֶּער עֶס קומְט צו זַאכְן וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַדִּיק וָואס זָאל זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צו פִּירְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַן עֵצָה צו גֶעבְּן; און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: דֶעם זומֶער וֶוען עֶס גֶעקומֶען לְגַבֵּי אַ שִׁידוּךְ טון פַאר מַיין זון ... נֵרוֹ יָאִיר הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל וִויסְן וֶועלְכֶע שִׁידוּךְ אִיז דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין מְחוּתָּן נֵרוֹ יָאִיר בִּיטֶע טְרָאג מִיר אָן אַ שִׁידוּךְ, זַיי דו דֶער שַׁדְכָן, עֶר הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן עֶטְלִיכֶע שִׁידוּכִים אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז עֶס צִיט מִיר נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ טון מִיט מַיין זון, מֶען טְרָאגְט מִיר אָן דֶעם און דֶעם, אָבֶּער עֶס צִיט מִיךְ נִישְׁט", אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶערֶעדְט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אויסְשְׁמוּעֶסְנְדִיג אַלֶע סְפֵיקוֹת, בִּיז עֶר זָאגְט מִיר: "אֶפְשָׁר נֶעמְסְטוּ מַיין טָאכְטֶער פַאר דַיין זון?" דָאס הָאט מִיר גֶעצוֹיגְן, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעוָוארְן.

אַז מֶען מַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת' מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אויס מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֵוייסְט מֶען שׁוֹין וָואס מֶען הָאט צו טון; דֶער רֶבִּי הָאט אונְז גֶעגֶעבְּן דִי 'אוּרִים וְתוּמִים', אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אויסְקְלָארְן פון אַלֶע סְפֵיקוֹת, מֶען פְּרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט אֵיינְמָאל און שׁוֹין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, בִּיז אִיךְ זֶע אַז עֶס פִּירְט זִיךְ אַהֶער אָדֶער אַהִין, וֵוייס אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גוט גֶעטון.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט נִישְׁט צום אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, מֶען הֶערְט פון מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "דו דַארְפְסְט קומֶען אִין דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דָארְט וֶועסְטוּ זֶען 'עוֹבְדֵי הַשֵּׁם', זֵיי לוֹיפְן אַרום בַּיי פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת... - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אֵיידֶער דו קומְסְט צום רֶבִּי'ן, אֵיידֶער דו הֶערְסְט דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי'ן, וֵוייסְטוּ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס תְּפִלָּה מֵיינְט,

דו לויפְסְט אַרום בַּיים דַאוָוענֶען, דו וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צו טון פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְשְׁטָאט צו זַיין אַן 'עוֹבֵד הַשֵּׁם' בִּיסְטוּ אַן 'אוֹבֵד' מִיט אַ אָלֶ"ף, אַן אוֹבֵד עֵצוֹת, אִינְגַאנְצְן פַארְלוירְן און צֶעמִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אונְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וָואס מֶען קֶען אַלְץ נִיצְן אַרויסְצוגֵיין פון סְפֵיקוֹת, וִוי אַן אומְבַּאגְרֶענִיצְטֶע (אָנְלִימִיטֶעד) קְרֶעדִיט קַארְד, עֶר לֶערְנְט אונְז דִי עֵצָה פון פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צו פִירְן; עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעגֶעבְּן בְּלויז פַאר דִיר נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען עֶס נִיצְן; אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב דו וֶועסְט נָאר זַיין, אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב דו וֶועסְט נָאר אַרֵיין פַאלְן, וָואס עֶס וֶועט זִיךְ נָאר דְרֵייעֶן מִיט דִיר, וֶועט עֶס זַיין גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיבּ דו וֶועסְט עֶס פְרֶעגְן פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרֵיין אַ שְׁמועֶס פון 'שָׁלוֹם בַּיִת', זָאגֶענְדִיג: אויף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ צוגֶעוואוינֶען רֶעדְן צום בַּאשֶׁעפֶער, אויף אַ שִׁידוּךְ, אויף פַּרְנָסָה, אויף שָׁלוֹם בַּיִת. עֶס זֶענֶען דָא נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן, עֶר הַאלְט שׁוין צֶען יָאר נָאךְ זַיין חֲתוּנָה און אִיז פַארְנומֶען: "מֶען הָאט מִיר אַרֵיין גֶענַארְט, אִיךְ הָאבּ שׁוין גֶעוואוּסְט גְלַייךְ אִין אָנְהֵייבּ אַז דֶער שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט פַאר מִיר" - פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: עֶר הַאלְט שׁוין צֶען יָאר נָאךְ זַיין חֲתוּנָה און הָאט נִישְׁט וָואס צו טון? עֶר דְרֵייעְדְט זִיךְ אַרום מִיט דִמְיוֹנוֹת אִין קָאפּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה - דַיין וַוייבּ, דו הָאסְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ לֶעבְּן, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "יְיַשֶּׁר כֹּחַ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט".

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: נֶעכְטְן (שַׁבָּת בַּיינַאכְט נָאכְ'ן דַאוָוענֶען) הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט שֵׁיינֶע הִתְחַזְּקוּת, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז דָא גֶעוֶוען, וֶועל אִיךְ עֶס אִיבֶּער זָאגְן, אַ בָּחוּר פְרֶעגְט מִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אִיז טַאקֶע דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ וַוייבּ זָאל נָאךְ הָאבְּן אַ טַעַם אַ יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה? אִיךְ טְרֶעף אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט, יֶעדֶער זָאגְט מִיר 'דִי וַוייבּ פונְקְט אִיז גוּט פַאר שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, נָאךְ אַ יָאר אִיז נִישְׁט דָא וָואס צו טון מִיט אִיר', אִיז דָאס רִיכְטִיג רֹאשׁ יְשִׁיבָה?" - הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "אִיךְ וֵוייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט וָואס דו רֶעדְסְט; אַ מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעט יֶעדֶע זַאךְ פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט אויף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי אִים וֶוערְט זַיין וַוייבּ יֶעדְן טָאג שֶׁענֶער, זַיין וַוייבּ וֶוערְט אִים יֶעדְן טָאג גֶעשְׁמַאקֶער; בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז דָאס פונְקְט פַארְקֶערְט, דִי לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְט נָאר שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער פון טָאג צו טָאג, אַוַדַאי אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אויגְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן הָאט דִי וַוייבּ נִישְׁט קַיין טַעַם, אָבֶּער אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אויגְן, הָאט דִי וַוייבּ אַלֶע טַעֲמִים".

אַז דו הָאסְט אִיבְּרִיג צַייט וָואס גֵייסְטוּ קוּקְן נַארִישְׁקַייטְן וְכוּ'? עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ, שְׁמועֶס מִיט אִיר, שְׁפִּיל אַ גֶעים מִיט אִיר; וָואס אִיז 'עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה'? - דָאס אִיז 'עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה' פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ, און דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זֵייעֶר גֶעבְּלוּטִיגְט אויף דִי פַאלְשֶׁע מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען אויס פְּרִישׁוּת וְכוּ', מֶען מַאכְט מְשׁוּגָע אִינְגֶעלַייט זִיךְ פּוֹרֵשׁ זַיין וְכוּ' אום רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: בְּרֶענְג מִיר אַ מִשְׁנָה בְּרוּרָה (אוֹרַח חַיִּים, הִלְכוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, סִימָן תקפ"א, סְעִיף קָטָן כ"ו), מֶען לֶערְנְט נָאר אַ הַאלְבֶּע שְׁטִיקְל וָואס שְׁטֵייט דָארְט: "עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן מֶען זָאל זִיךְ פּוֹרֵשׁ זַיין וְכוּ' אום רֹאשׁ הַשָּׁנָה", - אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מֶען נֶעמְט אֵיין שׁוּרָה און מֶען מַאכְט דֶערְפון אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה, קוּק אָבֶּער אַרֵיין וַוייטֶער וָואס עֶר שְׁרַייבְּט: "פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַנְדֶערְשׁ וְכוּ'", דָאס זֶענֶען מִיר, הַלְוַאי זָאלְן מִיר זַיין פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פון דִי זַאכְן; וֶוער עֶס פִילְט אַז דָא אִיז צו אַ פָּשׁוּטֶ'ע פְּלַאץ, עֶר זוּכְט אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ, אַ חֲבוּרָה פון עוֹבְדִים, אַדְרַבָּה זָאל עֶר זוּכְן אַ פְּלַאץ וואו עֶס אִיז גוּט פַאר אִים, אָבֶּער מִיר זֶענֶען זֵייעֶר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: הַיינְט צו זָאגְן אויף אֵיינֶעם: 'עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד' הָאט שׁוין אויךְ אַלֶע טַעֲמִים, אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד אִיז שׁוין הַיינְט אויךְ אַ מַדְרֵיגָה... אָבֶּער מִיר זֶענֶען פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְפַאר טָארְן מִיר זִיךְ נִישְׁט נַארְן.

פון דֶעם יֵצֶר הָרָע דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס רֶעדְט צו דֶעם מֶענְטְשׁ: "דו בִּיסְט דָאךְ שׁוין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִּיק, דו דַארְפְסְט זִיךְ שׁוין פִירְן מִיט פְּרִישׁוּת, זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן וְכוּ' און אַזוֹי וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זַיין פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' - חֵלֶק יב, פָּארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, שַׁבָּת שׁוּבָה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן)